NEW

# לקוטי שיחות

BALAK בלק

VOLUME 2, P. 337-342

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# BALAK I | בלק א

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud-Beis Tammuz,* 5716 (1956)

## Introduction

Can a people be simultaneously conquered yet unconquerable? The status of the Jews in exile presents a paradox that defies conventional understanding of power and subjugation. Despite their integration into their host cultures and socio-economic systems, the Jews have retained their essential identity and preserved their existence as a Torah nation.

This fact illuminates a cryptic verse in *Parshas Balak,*[1] "He crouched; he lay down like a lion and like a lioness, who will rouse him?" The imagery is striking – a lion at rest appears vulnerable, yet retains all its inherent power. When applied to centuries of persecution and displacement, this metaphor reveals the secret of Jewish survival.

A lion possesses inherent strength. The fact that it is indomitable is interwoven with its core identity. As such, it does not need to manifest its strength. Whether or not it does is solely a function of its own will.

Similarly, the G-dly nature of the Jewish soul and the fundamental holiness of the Torah and its *mitzvos* transcend all political circumstances. As the Rebbe explains in the *sichah* that follows, any apparent weakness is self-imposed, a function of the interconnection between Jewish destiny and G-d's will.

---

1. *Bamidbar* 24:9.

# Why the Lion Can Never Be Tamed

## Lions in Captivity

**1. The Midrash**[1] offers several interpretations of **the verse from today's Torah portion,**[2] **"He crouched; he lay down like a lion and like a lioness, who will rouse him?"** One interpretation **is that the verse refers to the era beginning from the time of King Tzidkiyahu and** extending **until** the coming of ***Mashiach*. During Tzidkiyahu's era, the period of destruction and exile began.** Indeed, **even after the seventy years** of exile, the mode of **exile still continued during the Second *Beis HaMikdash* period, as evidenced by the fact that five elements** of holiness **were lacking in the Second *Beis HaMikdash*.**[3] Although the *Beis HaMikdash* was standing and the Jews enjoyed a certain degree of sovereignty, **complete redemption was not yet manifest.**

**The *Tzemach Tzedek***[4] **explains that** the wording of the verse which this opinion interprets as **referring to this era – "he crouched, he lay down" – relates to** the verses, **"he lay down and slept,"**[5] **"upon my bed at night,"**[6] **and "he will not die but fall to his bed,"**[7] all of **which allude to the concept of exile.**

**Therefore, one might think that exile affects not only the body but also the soul, and** even **the Torah and its *mitzvos,*** for they **are all connected to the soul. However, the same verse indicates that although "he crouched, he lay down," the one who**

א. אוֹיף דֶעם פָּסוּק פוּן דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה, כָּרַע שָׁכַב כַּאֲרִי וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ, שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[א], יֵשׁ אוֹמְרִים אַז דָאס גֵייט אוֹיפְן זְמַן פוּן מֶלֶךְ צִדְקִיָּהוּ, עַד מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, וָואס דֶעמָאלְט, בִּזְמַן צִדְקִיָּהוּ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער זְמַן פוּן חוּרְבָּן אוּן גָלוּת, אוּן אֲפִילוּ נָאךְ דִי שִׁבְעִים שָׁנָה, בִּזְמַן בַּיִת שֵׁנִי, אִיז דָאס נָאךְ אַלְץ אַן עִנְיָן פוּן גָלוּת, וָוארוּם חֲמִשָּׁה דְבָרִים חָסְרוּ בְּבַיִת שֵׁנִי[ב], וַוייְלֶע דָאס אִיז נָאךְ נִיט קֵיין גְאוּלָּה שְׁלֵימָה.

אִיז אוֹיף דֶעם זְמַן פוּן צִדְקִיָּהוּ עַד מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, זָאגְט מֶען אַז דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן כָּרַע שָׁכַב. שָׁכַב, לוֹיט דֶעם פֵּירוּשׁ פוּן יֵשׁ אוֹמְרִים - שְׁרַייְבְּט דֶער צֶמַח צֶדֶק[ג] - אִיז מִלְשׁוֹן וַיִּשְׁכַּב וַיֵּרָדַם, עַל מִשְׁכָּבִי בַּלֵּילוֹת, וְלֹא יָמוּת וְנָפַל לְמִשְׁכָּב, וָואס דָאס וַוייְזְט אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן גָלוּת.

קֶען מֶען דָאךְ מֵיינֶען אַז דֶער גָלוּת אִיז נִיט נָאר אוֹיפְן גוּף נָאר אוֹיךְ אוֹיף דֶער נְשָׁמָה חַס וְשָׁלוֹם, מִיט דִי עִנְיָנִים פוּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת וָואס זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶער נְשָׁמָה,

שְׁטֵייט אָבֶּער אִין זֶעלְבְּן פָּסוּק, אַז הֲגַם טַאקֶע כָּרַע שָׁכַב, אִיז דָאס אָבֶּער

---

1. ***Bereishis Rabbah* 98:7.**

2. *Bamidbar* 24:9.

3. ***Yoma* 21b; *Talmud Yerushalmi, Makkos* 2:6, *Horios* 3:2; *Bamidbar Rabbah* 15:10.**

4. **The *maamar* entitled *Kora Shochav,*** delivered at **the third meal,** *Shabbos Parshas Balak,* **5605 (*Or HaTorah, Bamidbar,*** Vol. 3, **p. 1048ff).**

5. *Yonah* 1:5.

6. *Shir HaShirim* 3:1.

7. *Shmos* 21:18.

**lies down does not** do so because he **lacks strength. Instead, this is a measured** self-**limitation** that cannot be imposed by any outside force. Rather, it is **"the lion and the lioness" who alone measure, limit, and constrain themselves.**

**A lion possesses strength, and a lioness is even fiercer, as the *Zohar*[8] states "a lioness is more ferocious."**[9] Since the limitation that applies **during the time when "he crouched, he lay down"** is self-imposed, **even** then, **the nations of the world have no dominion over Israel. The Jews are always "like a lion and like a lioness."** The **only** question is **"*who* will rouse [them]?"**

"Who" **refers to G-d,** as reflected in the interpretation[10] of our Sages' saying,[11] **"Who revealed to My children this mystery?" which is connected to the** verse,[12] **"Who will grant that their hearts remain as this – to fear Me?" Similarly,** in the present context, **"Who" refers to G-d;** He **"will rouse"** the "lion and the lioness" in the Jewish people and **will take them out of exile, as** reflected in **the verse,**[13] **"Who will grant**[14] **that Israel's salvation will come from Zion!"**

Moreover, even **until the time when "Who will rouse him,"** when the non-Jews still exercise a certain aspect of control over the Jews, **it cannot be said that they possess true dominion.** The Jews **are lions and lionesses; no one has mastery over them.**

**This** concept that lions are indomitable is reflected in *halachah.* **The *Shulchan Aruch*[15] rules that no one can have** full **control over a lion and a lioness. Indeed, there is a question whether they can** ever **become domesticated.**

נִיט קֵיין שְׁכִיבָה פוּן אַזַא וָואס הָאט נִיט קֵיין כֹּחַ, נָאר דָאס אִיז אַ מְדִידָה וְהַגְבָּלָה פוּן אַזַא וָואס נָאר עֶר אַלֵיין אִיז זִיךְ מוֹדֵד, מַגְבִּיל וּמְצַמְצֵם, וָוארוּם עֶס אִיז כַּאֲרִי וּכְלָבִיא, וָואס אֲרִי אִיז מִיט אַ תּוֹקֶף אוּן לָבִיא אִיז נָאךְ מֶער בְּתוֹקֶף, ווִי עֶר זָאגְט אִין זֹהַר[ז] אַז לָבִיא אִיז בִּתְקִיפָא יַתִּיר.

דָאס הֵייסְט: אֲפִילוּ אִין דֶער צַיְיט פוּן כָּרַע שָׁכַב, הֵייסְט נִיט אַז חַס וְשָׁלוֹם יַד אוּמּוֹת הָעוֹלָם שַׁלִּיטָה עַל יִשְׂרָאֵל. אִידְן זַיְינֶען אַלֶעמָאל כַּאֲרִי וּכְלָבִיא, עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס מִי - יְקִימֶנּוּ. עַל דֶּרֶךְ ווִי דֶער עִנְיָן פוּן מִי גִלָּה לְבָנַי רָז זֶה[ה], וָואס דָאס אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אוֹתִי[י], וָואס דָאס גֵייט אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן[ז], אַזוֹי אוֹיךְ דָא אִיז דֶער פֵּירוּשׁ אַז דֶער מִי - הַיְינוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא - יְקִימֶנּוּ, עֶר וֶועט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גָלוּת, וּכְמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל[ח].

אוּן בִּיז דֶער צַיְיט פוּן מִי יְקִימֶנּוּ, הֵייסְט דָאס אוֹיךְ נִיט קֵיין אֱמֶת'עֶ שְׁלִיטָה חַס וְשָׁלוֹם, ווִיבַּאלְד אַז עֶר אִיז אַן אֲרִי וְלָבִיא, אִיז קֵיינֶער אוֹיף אִים קֵיין בַּעַל-הַבַּיִת נִיט.

- עַל דֶּרֶךְ ווִי דֶער פְּסַק אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ[ט] אַז אוֹיף אַן אֲרִי וְלָבִיא הָאט קֵיינֶער קֵיין שְׁלִיטָה נִיט, בִּיז אַז עֶס אִיז אַ שְׁאֵלָה צִי מֶען קֶען זֵיי אַיְינְגֶעוואוֹינֶען דוּרְךְ תַּרְבּוּת. -

8. *Zohar,* Vol. I, p. 237b.

9. Although male lions possess greater strength, the female lions are usually the hunters.

10. See *Likkutei Torah, Bamidbar*, p. 15a-b, which interprets "who" (מִי) as referring to G-d's transcendent light.

11. *Shabbos* 88a.

12. *Devarim* 5:26. We have translated the verse to fit the context of the *sichah.*

13. *Tehillim* 14:7, 53:7.

14. See *Or HaTorah, Bereishis,* Vol. 2, p. 401b, which interprets the verse as implying that the spiritual rung identified with the word "who" (מי), the fiftieth gate of understanding, will cause salvation to come from Zion.

15. *Shulchan Aruch, Choshen Mishpat, Hilchos Nezikin,* sec. 389:8.

Thus, **the entire exile has no place according to logic. It is no more than that – compelled by Divine decree – the lion and lioness "crouch and lie down."**

**Therefore, it is understandable that regarding the Torah and its *mitzvos*, where "G-d spoke all these words,"[16] the entire exile has no relevance.** The non-Jews have no authority whatsoever.[17]

דֶער גַאנְצֶער גָלוּת הָאט נִיט קֵיין אָרְט עַל פִּי שֵׂכֶל, עֶס אִיז מֶער נִיט ווִי אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר, אַז דֶער אֲרִי וְלָבִיא זָאל זַיְין כָּרַע אוּן שָׁכַב.

אִיז דָאךְ בְּמֵילָא פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז צוּ תּוֹרָה וּמִצְווֹת, ווָאס וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה - הָאט דֶער גַאנְצֶער גָלוּת קֵיין שַׁיְיכוּת נִיט.

## When the Veil is Lifted

**2. However, due to habit, one becomes accustomed to exile. "We do not see our signs";[18]** in other words, **miracles exist today as well, but "we do not see" them.** To refer to our Sages' words,[19] **"the one who experiences a miracle does not recognize his miracle."**

**The word "world" (*olam,* עוֹלָם) shares the root of the word *he'elem* (הֶעְלֵם) meaning "concealment" and "hiddenness."[21]** This concealment makes it possible to think **that the world has mastery over the lion and lioness. Therefore, from time to time, G-d reveals open miracles even during the time of exile. (One of the revealed and broad-scoped miracles in our generation was the miracle of the *Yud-Beis-Yud-Gimmel Tammuz,*** when the Rebbe Rayatz was released from exile.) **Such** miracles **remind us that, even during exile, "there exists nothing other than Him."[22]**

**This is the implication of our Sages' statement,[23] "Initially, it arose in [G-d's] thought**

ב. מִצַּד הַהֶרְגֵּל אָבֶער, ווָאס מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ אַיְין אִין דֶעם גָלוּת אוּן אוֹתוֹתֵינוּ לֹא רָאִינוּ[י],

- נִסִּים זַיְינֶען הַיְינְט אוֹיךְ דָא, נָאר עֶס אִיז לֹא רָאִינוּ, אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִיסּוֹ[יא] -

אִיז מִצַּד דֶעם חֹשֶׁךְ הַגָּלוּת קֶען זִיךְ אוֹיסְדוּכְטְן אַז עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג, עוֹלָם מִלְּשׁוֹן הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר[יב], אַז דֶער עוֹלָם אִיז אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיפְן אֲרִי וְלָבִיא, דֶערְפַאר ווַיְיזְט מֶען פוּן צַיְיט צוּ צַיְיט מִלְמַעְלָה נִסִּים גְּלוּיִים אוֹיךְ בִּזְמַן הַגָּלוּת (ווָאס אֵיינֶער פוּן דִי נִסִּים גְּלוּיִים וּכְלָלִיִּים אִין אוּנְזֶער דוֹר אִיז גֶעווֶען דֶער נֵס פוּן י"ב וְי"ג תַּמּוּז), ווָאס דָאס דֶערְמָאנְט אַז אוֹיךְ בִּזְמַן הַגָּלוּת אִיז אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ.

ווָאס דָאס אִיז דֶער תּוֹכֶן מַאֲמַר רַזַ"ל[יג], בִּתְחִלָּה עָלָה בְּמַחֲשָׁבָה לִבְרוֹא אֶת הָעוֹלָם

16. *Shmos* 20:1.

17. See the address delivered by the Rebbe Rayatz before going into exile, 3 Tammuz, 5687 (1927).

**18. *Tehillim* 74:9.** "Our signs" refer to the manifestations of G-d's presence through miracles and wonders (*Malbim* on the verse).

**19. *Nidah* 31:1, using slightly different words.**

20. Cf. *Rambam, Hilchos Melachim* 12:1.

**21. *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 37d; *Sefer HaMaamarim 5710,* p. 116.**

22. *Devarim* 4:35.

**23. *Rashi, Bereishis* 1:1; the beginning of the *Arizal's Sefer HaLikkutim; et al.* See *Midrash Yelamdeinu* cited in the text, *Talmud Torah.****

*** Published in the text, *Batei Midrashos,* Vol. 1, p. 141.**

**to create the world with the attribute of judgment, but He saw that the world could not endure, so He blended the attribute of mercy with it." In *Tanya, Shaar HaYichud,*[24] the Alter Rebbe explains that** the blending of the attribute of mercy **refers to the revelation of G-dliness through *tzadikim* ("righteous people") and the signs and wonders** recorded in **the Torah.**

**These wonders break through the confines and limitations of the world so that one sees, even with physical eyes, that "there is an owner who [controls] this palace."[25]**

**Conscious of** G-d's dominion over existence, **one is aware that the Jewish people are always lions and lionesses, and that the subjugation of exile does not apply regarding the soul, the Torah, and its *mitzvos*.**

בְּמִדַּת הַדִּין, רָאָה שֶׁאֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם שִׁתֵּף בּוֹ מִדַּת הָרַחֲמִים, זָאגְט עֶר אוֹיף דֶעם אִין שַׁעַר הַיִּחוּד פוּן תַּנְיָא[ד], אַז דָאס גֵייט אוֹיף דֶעם גִּילוּי אֱלֹקוּת עַל יְדֵי צַדִּיקִים וְאוֹתוֹת וּמוֹפְתִים שֶׁבַּתּוֹרָה.

דִי מוֹפְתִים בְּרֶעכְן דוּרְךְ דִי מְדִידָה וְהַגְבָּלָה פוּן עוֹלָם, אַז מֶען זֶעט אוֹיךְ בְּעֵינֵי בָשָׂר, אַז דִי בִּירָה הָאט אַ מַנְהִיג.

גֶעדֶענְקֶענְדִיק דָאס - וֵוייס מֶען בְּמֵילָא אַז אִידְן זַיְינֶען אַלֶעמָאל אַן אֲרִי וְלָבִיא, אוּן אַז בְּנוֹגֵעַ צוּ דֶער נְשָׁמָה אוּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת אִיז מֶען נִיט אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער גָּלוּת.

---

24. *Tanya, Shaar HaYichud VehaEmunah,* ch. 5.

25. See *Bereishis Rabbah* 39:1 (as understood by *Rashi*), which describes Avraham's search for G-d that was motivated by his awareness of the Divine order that prevails throughout existence and his conclusion that "the palace" must have an owner who maintains its order.

---

א) בראשית רבה פרשה צח, ז.

ב) יומא כא, ב. ירושלמי מכות פרק ב הלכה ו. הוריות פרק ג הלכה ב. במדבר רבה פרשה טו, י.

ג) בד"ה כרע שכב שנת ה'תר"ה בסעודה שלישית (אור התורה בלק ע' א'מח ואילך).

ד) ויחי רלז, ב.

ה) שבת פח, א.

ו) דברים ה, כו.

ז) זע לקוטי תורה במדבר טו, א־ב.

ח) תהלים יד, ז. נג, ז.

ט) חושן משפט הלכות נזיקין סימן שפט סעיף ח.

י) תהלים עד, ט.

יא) נדה לא, א (בשינוי לשון קצת).

יב) לקוטי תורה במדבר לז, ד. ספר המאמרים ה'תש"י עמוד 116.

יג) פירוש רש"י אנפאנג בראשית. ספר הלקוטים להאריז"ל בתחילתו ובכמה מקומות. און זע מדרש ילמדנו געבראכט אין ספר תלמוד תורה*.

*) נדפס בספר בתי מדרשות ח"א ע' קמא. המו"ל.

יד) פרק ה.

# BALAK II | בלק ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud-Beis Tammuz,* 5716 (1956)

## Introduction

In every generation, Jews encounter voices that use family connections, scholarly attainments, or spiritual achievements to lend authority to teachings that ultimately undermine Torah values. The challenge is to distinguish between legitimate spiritual guidance and sophisticated deception.

False authority can come dressed in impressive credentials. *Parshas Balak* introduces us to Bilaam, a figure whose prophetic abilities were acknowledged even by our Sages, yet whose intentions were destructive. Likewise, the *parshah* mentions Amalek, whose descent from Esav gave him grounds to claim relevance when speaking about Jewish tradition.

Here, the Rebbe teaches how cultivating genuine love and fear of G-d can render the soul immune to false influence, regardless of how impressively it presents itself.

# What Awe and Love Can Accomplish

## A Shield for Spiritual Intimidation

1. Several sacred texts[1] state that Bilaam has a connection to Amalek. There is an allusion to this: When one writes the names Bilaam (**בלעם**) and Amalek (**עמלק**) on two lines, Bilaam above and Amalek below, the right half of the two lines – the *beis* and *lamed* from the upper line and the *ayin* and *mem* from the lower line – will read Bilaam. The left half of the two lines – the *ayin* and *mem* from the upper line and the *lamed* and *kuf* from the lower line – will read Amalek.

בלעם
עמלק
יראה
אהבה

The advice to free oneself from the *kelipah* ("the negative force") of Bilaam and Amalek is to arouse *ahavah* (**אהבה**, love) and *yirah* (**יראה**, awe) of G-d. *Ahavah* and *yirah* follow the same pattern as the words Bilaam and Amalek. When one writes *yirah* on one line and *ahavah* on the second line, *yirah* above and *ahavah* below, the right half of the two lines will read *yirah* and the left half of the two lines will read *ahavah*.

The explanation of this concept is that the reason Amalek was able to wage war against the Jews is because he descended from Esav.[2] Now, Amalek's attack in a physical sense has a spiritual parallel. Because **Amalek claimed that he too was Yitzchak's great-grandson and Avraham's great-great-grandson, he felt**

א. עֶס שְׁטֵייט אִין סְפָרִים[טו], אַז בִּלְעָם הָאט אַ שַׁייכוּת מִיט עֲמָלֵק'ן. וְרֶמֶז: בְּשַׁעַת מֶען שְׁרַייבְּט אָן דִי ווֶערְטֶער בִּלְעָם אוּן עֲמָלֵק אִין צְווֵיי שׁוּרוֹת, אוֹיבְּן בִּלְעָם אוּן אוּנְטְן עֲמָלֵק, אִיז דִי רֶעכְטֶע הַאלְבֶּע פוּן דִי צְווֵיי שׁוּרוֹת - דֶער בֵּי"ת מִיטְן לַמֶ"ד פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שׁוּרָה אוּן דֶער עַיִ"ן מִיטְן מֵ"ם פוּן דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער שׁוּרָה - ווֶעט זִיךְ לֵייעֶנֶען בִּלְעָם, אוּן דִי לִינְקֶע הַאלְבֶּע פוּן דִי צְווֵיי שׁוּרוֹת - דֶער עַיִ"ן מִיטְן מֵ"ם פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שׁוּרָה אוּן דֶער לַמֶ"ד מִיטְן קוּ"ף פוּן דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער שׁוּרָה - ווֶעט זִיךְ לֵייעֶנֶען עֲמָלֵק.

דִי עֵצָה אוֹיף פָּטוּר צוּ ווֶערְן פוּן קְלִיפַּת בִּלְעָם אוּן עֲמָלֵק, אִיז אַהֲבָה וְיִרְאָה. ווָאס אַהֲבָה וְיִרְאָה אִיז אוֹיךְ בְּדוּגְמָא כְּזוֹ. בְּשַׁעַת מֶען שְׁרַייבְּט אִין אֵיין שׁוּרָה אַהֲבָה אוּן אִין דֶער צְווֵייטֶער שׁוּרָה יִרְאָה, אוֹיבְּן יִרְאָה אוּן אוּנְטְן אַהֲבָה, אִיז דִי רֶעכְטֶע הַאלְבֶּע פוּן דִי צְווֵיי שׁוּרוֹת ווֶעט זִיךְ לֵייעֶנֶען יִרְאָה אוּן דִי לִינְקֶע הַאלְבֶּע פוּן דִי צְווֵיי שׁוּרוֹת ווֶעט זִיךְ לֵייעֶנֶען אַהֲבָה.

דֶער בִּיאוּר אִין דֶעם אִיז:

דֶער טַעַם ווָאס עֲמָלֵק הָאט גֶעקֶענְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט אִידְן, אִיז ווַיְיל עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן עֵשָׂו'ן, בְּמֵילָא הָאט עֲמָלֵק גֶע'טַעֲנָה'ט, אַז אוֹיךְ עֶר אִיז יִצְחָק'ס אַן אוּר־אֵיינִיקְל אוּן אַבְרָהָם'ס אַן אוּר־אוּר־אֵיינִיקְל, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר אוֹיךְ זָאגְן אַ

1. See *Likkutei Shoshanim* by Rabbi Shimshon of Ostropoli explaining the insight found in the teachings of the *Arizal.*

2. See *Bereishis* 36:12.

that he **too could express an opinion regarding matters of Torah and holiness.**

**Once** Amalek **was allowed even a small opening and given a** limited **opportunity** to express himself, in due course**, his** characteristic **approach of "know[ing] his Master and intentionally rebell[ing] against Him"[3] came to be manifest. This resulted in Amalek's** attacking the Jews and thus cooling off their ardor to accept the Torah.

**Similarly regarding Bilaam, the Talmud, Tractate *Sanhedrin,*[4] relates that he descended from Lavan. Lavan claimed,[5] "The daughters are my daughters, the sons are my sons, and all that you see is mine."** Thus, **he too has a connection to the Jews, because the House of Israel was built from his daughters.**

**This provides guidance for every generation: Someone may come and speak contrary to Torah and its *mitzvos*, and he can even bring a certificate proving that he is Yitzchak's great-grandson and Avraham's great-great-grandson and that the** ancestors **from whom the entire House of Israel was built descend from him** and as such he has a right to voice a contrary view**.**

When a person speaks in such a manner, no allowance should be made for his words. **He should be told** unequivocally: **We have no** authority **other than our Father in Heaven. The only criterion we have for anything is Torah. For us, there is no** other **decisive factor** – neither **lineage nor anything else; our only touchstone is Torah. If** the matter **accords with Torah, it is good. If it does not accord with Torah, although** the suggestion may be coming from one with the lineage of **Bilaam or Amalek, since it goes against the Torah, it has no connection to us.**

דֵיעָה אִין עִנְיָנִים פוּן תּוֹרָה אוּן קְדוּשָׁה.

אוּן וועֶן מֶען הָאט אִים אַבִּיסְל אַרַייְנְגֶעלָאזְט אִיז גֶעוואָרְן בַּאקַאנְט דֶער עִנְיָן פוּן יוֹדֵעַ אֶת רִבּוֹנוֹ וּמְכַוֵּן לִמְרוֹד בּוֹ[טז], אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אָט דָאס וואָס עֶר הָאט גֶעטָאן.

אַזוֹי אוֹיךְ בִּלְעָם, זָאגְט דִי גְמָרָא אִין סַנְהֶדְרִין[יז], אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן לָבָן'עֶן. לָבָן הָאט גֶע'טַעֲנֶה'ט הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי וְכֹל אֲשֶׁר אַתָּה רוֹאֶה לִי הוּא[יח]. עֶר הָאט אוֹיךְ אַ שַׁייְכוּת מִיט אִידְן, ווָארוּם פוּן זַייְנֶע טֶעכְטֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבּוֹיט בֵּית יִשְׂרָאֵל.

אוּן דָאס אִיז אַן אָנְווַייְזוּנְג אִין יֶעדְן דוֹר:

בְּשַׁעַת אֵייְנֶער קוּמְט אוּן זָאגְט פַּארְקֶערְט פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, קֶען עֶר אֲפִילוּ בְּרֶענְגֶען אַ תְּעוּדָה, "סֶערְטִיפִיקַאט", אַז עֶר אִיז יִצְחָק'ס אוּר־אֵייְנִיקְל, אוּן אַבְרָהָם'ס אוּר־אוּר־אֵייְנִיקְל, אוּן אַז פוּן אִים שְׁטַאמֶען דִי פוּן ווֶעלְכֶע עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבּוֹיט כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל;

זָאגְט מֶען אִים, אָנוּ אֵין לָנוּ אֶלָּא אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, דִי אֵייְנְצִיקֶע בְּחִינָה וואָס מִיר הָאבְּן אוֹיף אַ זַאךְ אִיז תּוֹרָה. בַּיי אוּנְז אִיז נִיט קֵיין פּוֹסֵק - יִחוּס אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. דֶער אֵייְנְצִיקֶער אֶבֶן הַבּוֹחַן אִיז תּוֹרָה. שְׁטִימְט עֶס מִיט תּוֹרָה אִיז גוּט, שְׁטִימְט עֶס נִיט, קֶען עֶס זַייְן בִּלְעָם, קֶען עֶס זַייְן עֲמָלֵק, ווִיבַּאלְד אַז דָאס אִיז הֵיפֶּךְ הַתּוֹרָה, הָאט עֶס מִיט אוּנְז קֵיין שַׁייְכוּת נִיט.

---

3. **See *Toras Kohanim, Bechukosai* 26:14; *Zohar,* Vol. II, p. 65a. This concept still requires explanation.** [The expression is used in *Toras Kohanim,* loc. cit., but not concerning Amalek. The *Zohar,* loc. cit., identifies Amalek with having the trait of brazen rebelliousness, but does not use this expression. Although *Chassidus* (*Derech Mitzvosecha,* p. 95a, *et al.*) frequently uses this expression concerning Amalek, there is no specific source in our Sages' writings which does.]

4. ***Sanhedrin* 105a**

5. ***Bereishis* 31:43.**

**However, properly discerning whether something is in accordance with Torah** can sometimes be challenging. **When one approaches** situations **with his own ego, then he cannot differentiate whether he does not want to accept another person's instruction** and guidance **because it runs contrary to Torah, or because it runs contrary to his own ego and existence.**

**Therefore, the Divine services of awe and love are necessary. First, the service of awe and then love, as in the order they are mentioned in the teaching cited previously – awe and then love. As *Tanya* states,[6] awe is "the beginning of service, its essence and root."**

**One** must **begin with a preparatory approach of love and awe, love being the root of all positive commandments and awe, the root of all negative commandments, as stated in** the section entitled ***Chinuch Katan* in *Tanya*. That source adds that** love and awe also **are also associated with education (*chinuch*). In other words, even if a person is not yet intellectually mature – and "the person knows the [true] status of his own soul"[7] – nevertheless, he can be educated concerning love and awe.**

When that is accomplished, **then he has no reason to be daunted by Amalek who descends from Avraham and Yitzchak, nor** even **from Bilaam, although "In Israel [a prophet comparable to Moshe] did not arise, but among the nations of the world [such a prophet] did arise, and who was he? Bilaam."[8] (True, the *Sifri*[9] gives an analogy: that Bilaam was like** the king's **butcher,** one who merely knew the king's expense account, not his inner thoughts. **Nevertheless,** his knowledge bore **some resemblance** to prophecy.)

כְּדֵי אָבֶּער קֶענֶען מַבְחִין זַיְין צִי דָאס אִיז עַל פִּי תּוֹרָה, אִיז בְּשַׁעַת מֶען גֵייט צוּ מִיט יֵשׁוּת עַצְמוֹ, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ נִיט פַאנַאנְדֶערְקְלַיְיבְּן פַארְוָואס עֶר ווִיל נִיט אָנְנֶעמֶען יֶענֶעמְס הוֹרָאָה, צִי וַוְיילֶע דָאס אִיז הֵיפֶּךְ הַתּוֹרָה, אָדֶער וַוְייל דָאס אִיז הֵיפֶּךְ פוּן יֵשׁוּתוֹ וּמְצִיאוּתוֹ.

דֶערְפַאר דַארְף זַיְין דִי עֲבוֹדָה פוּן יִרְאָה אוּן אַהֲבָה. אוּן פְּרִיעֶר דִי עֲבוֹדָה פוּן יִרְאָה אוּן דֶערְנָאךְ אַהֲבָה, ווִי דֶער אוֹפֶן הַקְּרִיאָה ווִי עֶס לֵייעֶנְען זִיךְ בֵּיידֶע צוּזַאמֶען כַּנַ"ל, קוּמְט דָאךְ פְּרִיעֶר יִרְאָה אוּן דֶערְנָאךְ אַהֲבָה, אוּן ווִי עֶר זָאגְט אִין תַּנְיָא"ט אַז יִרְאָה אִיז רֵאשִׁית הָעֲבוֹדָה וְעִיקָּרָהּ וְשָׁרְשָׁהּ.

בְּשַׁעַת מֶען גֵייט צוּ מִיט דֶער הֲכָנָה פוּן אַהֲבָה וְיִרְאָה, וָואס אַהֲבָה אִיז שֹׁרֶשׁ לְכָל מִצְוֹת עֲשֵׂה אוּן יִרְאָה לְכָל מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה - ווִי עֶר זָאגְט אִין חִינּוּךְ קָטָן פוּן תַּנְיָא, אוּן אִיז דָארְטְן מוֹסִיף, אַז עֶס אִיז דָא אִין דֶעם דֶער עִנְיַן הַחִינּוּךְ, דָאס הֵייסְט, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר אִיז נָאךְ נִיט קֵיין בַּר דֵיעָה, וְיָדַע אֱינָשׁ בְּנַפְשֵׁיהּ, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן קֶען מֶען אִים מְחַנֵּךְ זַיְין מִיט אַהֲבָה וְיִרְאָה -

דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִיט וָואס נִתְפָּעֵל צוּ ווֶערְן פוּן עֲמָלֵק'ן וָואס שְׁטַאמְט פוּן אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק, אוֹיךְ נִיט פוּן בִּלְעָם'עֶן, כָאטשׁ אַז בְּיִשְׂרָאֵל לֹא קָם אֲבָל בְּאֻמּוֹת הָעוֹלָם קָם וּמַנּוּ בִּלְעָם"י. - וָואס אֲפִילוּ לְאַחַר הַמָּשָׁל וָואס דֶער סִפְרִי גִיט, אַז בִּלְעָם אִיז ווִי אַ טַבָּח, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן עֶפֶּעס אַ דוּגְמָא הָאט דָאךְ דָאס -

6. *Tanya,* ch. 41.

7. An expression found in many Torah texts.

8. *Sifri* on *Devarim* 34:10; *Yalkut Shimoni* on that verse; *Bamidbar Rabbah* 14:20; *Zohar,* Vol. II, p. 21b, *et al.*

9. *Sifri, loc. cit.*

That said: **Even the simplest of the simple among Israel, if he follows the order of awe and then** love **need not be at all daunted by Bilaam and Amalek.**

**אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט שֶׁבִּפְשׁוּטִים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ עֶר גֵייט מִיטְן סֵדֶר פוּן יִרְאָה אוּן דֶערְנָאךְ אַהֲבָה, הָאט עֶר נִיט וָואס צוּ נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן בִּלְעָם'עֶן אוּן עֲמָלֵק'ן.**

(משיחת י"ב תמוז, תשט"ז)

---

טו) זע ליקוטי שושנים (למהר"ש מאסטרופולי) בפירוש לימודי האריז"ל.

טז) זע תורת כהנים בחוקותי כו, יד. זהר חלק ב סה, א. ועדיין צריך עיון.

יז) קה, א.

יח) בראשית לא, מג.

יט) פרק מא.

כ) ספרי דברים לד, יו"ד און ילקוט שמעוני דארט. במדבר רבה פרשה יד, כ. זהר חלק ב כא, ב. ובכמה מקומות.

# BALAK III | בלק ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Balak,* 5716 (1956)

## Introduction

In ancient times, the greatest challenge for a ship captain was a cloudy night. When the skies were clear, he would look for Polaris – the North Star – to determine the direction to take to navigate across the seas.

While trying to steer our path through life, confronting the inevitable challenges that arise in integrating the material and spiritual dimensions of our lives, we need guidelines that enable us to find True North. Once we have such a touchstone, choosing the path to follow becomes easier.

Where to find such a touchstone? This week's Torah reading communicates Bilaam's words,[1] "From their very beginning, I see their [foundation as possessing the strength of] rocks...," which our Sages interpret as referring to our Patriarchs and Matriarchs. Their lives embodied a remarkable synthesis – they were fully engaged with worldly affairs while remaining spiritually centered.

As our ancestors, they convey a spiritual heritage to each of us, their descendants. Looking to them as exemplars, we can maintain our balance on the tightrope life presents to us.

---

1. *Bamidbar* 23:9, translated according to *Rashi's* commentary.

# Living Our Ancestors' Legacy

## Defining Ancestry

**1.** Among **Bilaam's prophecies** is the declaration,[1] **"From their very beginning, I see their [foundation as possessing the strength of] mountains; I behold [their source as resilient] as the hills." The "mountains" refer to the Patriarchs and the "hills" to the Matriarchs.**[2] We find **a similar** allusion in a verse from *Shir HaShirim*,[3] **"The voice of my beloved... leaping over the mountains, skipping over the hills."**

**As mentioned in the *sichah* delivered on *Yud-Beis* Tammuz,**[4] **Bilaam descended from Lavan,** as indicated by **the reference**[5] to him as ***Bilaam ben Beor,* "Bilaam, the son of Beor."** It is not clear whether that phrase should be understood **literally, that he was the son of Beor, his grandson, or** merely one of **his descendants.** In any event, he stemmed from Beor, of whom our Sages state,[6] **"Beor, this is Lavan."**

When disputing with Yaakov, **Lavan had asserted,**[7] **"The daughters are my daughters and the sons are my sons." To nullify this claim, it was necessary that one of his descendants acknowledge** the true ancestry of the Jewish people. This was accomplished through Bilaam's declaration, **"From their very beginning, I see their [foundation as possessing the strength of] mountains; I behold [their source as resilient] as the hills,"** since **the "mountains" refer to the Patriarchs and the "hills" to the Matriarchs.**[8]

**From this, it is understood that Lavan's claim, "The daughters are my daughters and the sons are my sons,"**

א. אִין בִּלְעָם'ס נְבוּאָה זָאגְט עֶר, מֵרֹאשׁ צוּרִים אֶרְאֶנּוּ וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ, וָואס צוּרִים גֵייט עֶס אוֹיף דִי אָבוֹת אוּן גְּבָעוֹת אוֹיף דִי אִמָּהוֹת[כא], וְעַל דֶּרֶךְ קוֹל דּוֹדִי וגו' מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת[כב].

מֶען הָאט דָאךְ גֶערֶעדט - בְּשִׂיחַת י"ב תַּמּוּז - אַז בִּלְעָם הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן לָבָן'עֶן, ווִי עֶר זָאגְט בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר - צִי בֶּן בְּעוֹר מַמָּשׁ אָדֶער בֶּן בְּנוֹ, אָדֶער עַל כָּל פָּנִים מִיּוֹצְאֵי חֲלָצָיו - אוּן בְּעוֹר זֶה לָבָן[כג]. לָבָן הָאט גֶעזָאגְט: הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי, אִיז אוֹיף מְבַטֵּל זַיְין דִי טַעֲנָה, הָאט מֶען גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַז אֵיינֶער מִיּוֹצְאֵי חֲלָצָיו אַלֵיין זָאל מוֹדֶה זַיְין, מֵרֹאשׁ צוּרִים אֶרְאֶנּוּ וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ, צוּרִים אֵלּוּ הָאָבוֹת וּגְבָעוֹת אֵלּוּ הָאִמָּהוֹת.

פוּן דֶעם אִיז מוּבָן, אַז דִי טַעֲנָה פוּן לָבָן'עֶן, הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי, הָאט אַ

---

1. *Bamidbar* 23:9, translated according to *Rashi's* commentary. The translation of *tzurim* as "mountains" follows *Targum Unkelos, Targum Yonason,* and other commentaries.

2. ***Bamidbar Rabbah* 20:19.**

3. ***Shir HaShirim* 2:8.** There also the "mountains" and the "hills" refer to the Patriarchs and Matriarchs.

4. **See the previous *sichah,* p. 11.**

5. *Bamidbar* 22:5, *et al.*

6. ***Sanhedrin* 105a.**

7. *Bereishis* 31:43.

8. I.e., Bilaam, Lavan's descendent acknowledged that the true ancestors of the Jewish people were the Patriarchs and not Lavan.

גֶעוויִסְן יְסוֹד. וְואָרוּם אוֹיבּ דִי טַעֲנָה וואָלְט גאָר קֵיין יְסוֹד נִיט גֶעהַאט, וואָלְט מֶען דָאס נִיט אַרַיְינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין תּוֹרָה, אוּן מֶען וואָלְט נִיט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַז בִּלְעָם, וואָס עֶר אִיז מִיוֹצְאֵי חֲלָצָיו שֶׁל לָבָן, זָאל דִי טַעֲנָה מְבַטֵּל זַיְין.

**had a certain basis. If the claim were to have no** validity **at all, it would not have been included in the Torah, and it would not have been necessary for Bilaam, who is one of Lavan's descendants, to refute it.**

## Intention Transforms Everything

ב. וואָס אִיז דֶער מֵיין פוּן לָבָן'ס טַעֲנָה, הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי?

**2. What is the meaning** behind **Lavan's claim, "The daughters are my daughters and the sons are my sons"?**

וויִבַּאלְד אַז הַנְשָׁמָה יָרְדָה לַגּוּף אוּן זִי הָאט צוּ טָאן מִיט גַּשְׁמִיוּת, הֲגַם אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס צוּלִיבּ מְבָרֵר זַיְין דִי גַּשְׁמִיוּת, אָבֶּער הַמִּתְאַבֵּק עִם מְנוּוָל מִתְנַוֵּל גַּם כֵּן[כד], הֲגַם טַאקֶע אַז דָאס אִיז נָאר לְשָׁעָה קַלָּה, בְּרֶגַע קָטֹן עֲזַבְתִּיךְ[כה], אוּן שְׁפֶּעטֶער וועט עֶר דֶערְפוּן אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶּער בְּשָׁעָה וְרֶגַע זֶה עַל כָּל פָּנִים אִיז דָאךְ דָאס אַ יְרִידָה, וְואָרוּם בְּרֶגַע זֶה הָאט עֶר צוּ טָאן מִיט דְּבָרִים גַּשְׁמִיִּים וְחוּמְרִיִּים אוּן וועֶרְט אַ נִפְרָד פוּן אֱלֹקוּת.

**Since the soul descends into a body and has to deal with physicality,** it faces a challenge. **True,** the descent is with a **purpose – to refine and elevate the physical. Nevertheless, "one who wrestles with a debased person also becomes debased."[9] Even though** his descent **is only for a brief time – "for a brief moment I have forsaken you"[10] – and later he will emerge from it, regardless, at that hour and moment, it is an** actual **descent, for during that** period, **he has to deal with physical and material things.** At that time, on a conscious level, **he has become separated from G-dliness.**

- וואָס בֶּאֱמֶת וועֶרְן אַ נִפְרָד חָלִילָה פוּן אֱלֹקוּת אֲפִילוּ אוֹיף אַ קוּרְצֶע וַוְיילֶע, אִיז דָאס נָאר מִצַּד רוּחַ שְׁטוּת, אָבֶּער ווען נִיט דֶער רוּחַ שְׁטוּת - אִיז מִצַּד הַשֵּׂכֶל דִּקְדוּשָּׁה, אֲפִילוּ מִצַּד שֵׂכֶל סְתָם, שֵׂכֶל הַבָּרִיא, הָאט קֵיין אָרְט נִיט אָפְּצוּרַיְיסְן זִיךְ פוּן אֱלֹקוּת אֲפִילוּ אוֹיף אַ קוּרְצֶע וַוְיילֶע, וְואָרוּם דִי רֶגַע אִיז אַן אֲבֵידָה שֶׁאֵינָהּ חוֹזֶרֶת, וּבִפְרַט - ווִי דֶער עִנְיָן וועֶרְט דֶערְקלֶערְט אוֹיסְפִירְלֶעךְ אִין תַּנְיָא[כו] - אַז דִי רֶגַע אִיז אִין אַן עִנְיָן וואָס אִיז לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן. -

**In truth,** any **separation from G-dliness, even for a short while, comes only due to a spirit of folly.[11] Were a spirit of folly not to be involved,** from a logical **perspective – from the logic of holiness, and even from simple, healthy logic** – no one would think of **tearing himself away from G-dliness, even for a short while.** Even a slight **moment is an irretrievable loss.** This is **particularly** true since, **as explained in detail in *Tanya,*[12]** in the spiritual realm, every **moment is** eternal, existing **above time.**

---

**9. *Tanya,* ch. 28. See also ch. 8 of that source,** which explains that a person's involvement with the material dimensions of existence leaves taints on his soul.

10. Cf. *Yeshayahu* 54:7.

11. The Rebbe appears to be referring to our Sages' statement (*Sotah* 3a, quoted in *Tanya,* chs. 14, 24, *Basi LeGani,* 5710, sec. 3, *et al.*), "No person will commit a sin unless possessed by a spirit of folly."

**12. *Tanya*, ch. 25.**

**Furthermore, this** momentary separation **also affects the future. As stated in that source in *Tanya*,** true, a person can always return to G-d through *teshuvah;* however, **if** a person consciously **becomes separated** from G-d, **relying on the fact that later he will emerge from that** state and reestablish his bond with Him, **this is** comparable to **an instance where he states, "I will sin and repent."** In such a case, the person is "**not given the opportunity to repent,**"[13] i.e., the Divine assistance usually offered to a person to repent is not granted him and, to do *teshuvah*, he **must force his way through** the barriers he created **and enter.**"[14]

**Therefore, Lavan claimed that since** a Jew **must** ultimately **have to deal with physicality, and** by doing so, he will, **at least momentarily – and, as mentioned above,** that moment **is also relevant for the future – be torn away from G-dliness. Lavan** thus had grounds for his **claim, "The daughters are my daughters and the sons are my sons."** What he was saying is that, when involved in physical matters, a Jew must yield and accept the mindset of the world at large, at least to a certain degree.

**In truth, however,** this claim **is not valid;** its underlying premise is flawed. If a Jew **involves himself with lowly, material entities for the sake of the Divine intent** vested **within them – because** G-d "desired **a dwelling place… in the lower realms" – his involvement** is not a descent. Since a Jew occupies himself with material entities for G-d's sake, **even during the very moment** of that involvement, **it is not a descent, but an ascent.** When the Jewish people as a whole involve themselves with material entities in such a manner, **even Bilaam – who descended from Lavan and "whose eye [was] covered"[15] – also perceived** the Jews' connection to the Patriarchs and Matriarchs,[16] saying, **"From their very beginning, I see their [foundation as possessing the strength of] mountains; I behold [their source as resilient] as the hills."**

נָאכְמֶער, דָאס אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, ווִי עֶר זָאגְט דָארְט אִין תַּנְיָא, אַז אוֹיבּ עֶר ווֶערְט אַ נִפְרָד אִיצְטֶער מִצַּד דֶעם ווָאס עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז שְׁפֶּעטֶער ווֶעט עֶר אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, אִיז דָאס אַן עִנְיָן פוּן אֶחְטָא וְאָשׁוּב שֶׁאֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה[כז], אוּן מֶען מוּז שׁוֹין אָנְקוּמֶען צוּם דָחַק וְנִכְנַס.

בְּמֵילָא טַעֲנֶה'ט לָבָן, אַז הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי, ווִיבַּאלְד אַז דוּ דַארְפְסְט אָנְקוּמֶען אוּן הָאבְּן צוּ טָאן מִיט גַשְׁמִיּוּת, אִיז עַל כָּל פָּנִים אוֹיף יֶענֶער רֶגַע – ווָאס דָאס אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ אוֹיף לְהַבָּא כַּנַ"ל – רַיְיסְטוּ זִיךְ אָפּ פוּן אֱלֹקוּת. דָאס אִיז לָבָן'ס טַעֲנָה.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִיט אַזוֹי.

ווַיְיל אוֹיבּ מֶען טוּט אִין דִי דְבָרִים הַגַשְׁמִיִּים צוּלִיבּ דֶער כַּוָּנָה אֱלֹקִית ווָאס אִיז פַארַאן אִין דֶעם, ווָאס דִי כַּוָּנָה אִיז לִהְיוֹת לוֹ יִתְבָּרֵךְ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים[כח], אוּן דֶערְפַאר טוּט עֶר מִיט דִי עִנְיָנִים תַּחְתּוֹנִים, דֶעמָאלְט אִיז דָאס אֲפִילוּ אִין יֶענֶער רֶגַע גוּפָא אוֹיךְ נִיט קֵיין יְרִידָה נָאר אַן עֲלִיָּה, בִּיז אַז אֲפִילוּ בִּלְעָם אַלֵיין, מִיּוֹצְאֵי חֲלָצָיו שֶׁל לָבָן, ווָאס עֶר אִיז גֶעווֶען אַ שְׁתוּם הָעָיִן, הָאט אוֹיךְ גֶעזֶען, אַז מֵרֹאשׁ צוּרִים אֶרְאֶנּוּ וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ.

---

13. *Yoma* 85a.

14. See *Tanya,* ch. 25, *Iggeres HaTeshuvah,* ch. 11.

15. *Bamidbar* 24:3. This translation follows *Sanhedrin* 105a. The implication being that although his sight was limited, but even so, he recognized the Jews' connection to the Patriarchs and Matriarchs.

## A Protective Fence

**3. To derive a lesson in our Divine service** from the above: **When** a person confronts life's challenges, **he** may well **argue that since the soul has descended into the body, he must engage in material concerns,** and that this is **mandated by the Torah itself.**[17] After all, **providing for one's household is** both **a *mitzvah* and an obligation. Accordingly, he must prepare to involve himself in business matters** or professional activity **and set up** whatever groundwork is necessary **for this.**

**Moreover,** such an approach accords with **chassidic thought**[18] which **explains that "G-d your L-rd will bless you in all that you do,"**[19] **specifically** requiring man to "do," to involve himself with making conduits – "**garments**" in chassidic terminology – taking action in this physical world, the lowest rung in the World **of *Asiyah*. "Garments" from the *mazalos,* the heavenly** sources of influence, **are not sufficient. "Garments" from this physical world are necessary.**

**True, he is involving himself in material concerns with the intent of serving G-d – so that by engaging with these matters, he will** be able to **increase his study of the Torah and observance of its *mitzvos.* However, at the time he is engaged in material concerns,** there is no difference between him and **a non-Jew.**

**We must realize that this was Lavan's claim when he said, "The daughters are my daughters and the sons are my sons" – i.e., that,** when involved in **material** concerns, **a Jew** must **adopt the mindset of** a non-Jew, akin to his own.

**However, the truth** is as Bilaam said, **"From their very beginning, I see their [foundation as possessing**

ג. דֶער עִנְיָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז:

אַז מֶען קוּמְט צוּ גֵיין אוּן מֶען טַעֲנֶה'ט, אַז מִצַּד יְרִידַת הַנְּשָׁמָה בַּגּוּף דַאְרְף מֶען דָאךְ אוֹיךְ עַל פִּי תוֹרָה עוֹסֵק זַיְין זִיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת, אוּן פַּרְנָסַת בְּנֵי בֵיתוֹ אִיז דָאךְ אַ מִצְוָה אוּן אַ חִיּוּב[כט], בְּמֵילָא דַארְף עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ עִנְיָנֵי עֵסֶק אוּן מַאכְן הֲכָנוֹת צוּ דֶעם;

נָאכְמֶער, חֲסִידוּת אַלֵיין אִיז דָאךְ מְבַאֵר, אַז וּבֵרַכְךָ הֲוָיָ' אֱלֹקֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה[ל] דַוְקָא, דָאס מֵיינְט דִי לְבוּשֵׁי הָעֲשִׂיָּה הַגַּשְׁמִיִּית; עֶס זַיְינֶען נִיט גֶענוּג לְבוּשִׁים פוּן דִי מַזָּלוֹת הָעֶלְיוֹנִים, נָאר מֶען דַארְף הָאבְּן דִי לְבוּשִׁים פוּן עוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי.

בְּמֵילָא, כָאטשׁ עֶר טוּט עֶס טַאקֶע צוּלִיבּ דֶער כַּוָּנָה אוֹיף צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְךְ דִי עִנְיָנֵי עֵסֶק הַגַּשְׁמִיִּים וֶועט אִים צוּקוּמֶען אַ תּוֹסְפוֹת אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן אִין קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אָבֶּער אִין יֶענֶער רֶגַע עַל כָּל פָּנִים אִיז עֶר זִיךְ עוֹסֵק בְּגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי וִוי לְהַבְדִּיל נִיט קֵיין אִיד חַס וְשָׁלוֹם.

דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז דִי טַעֲנָה פוּן לָבָן'עֶן, הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי, וָואס עֶר הָאט גֶע'טַעֲנֶה'ט אַז אִידִישֶׁע גַשְׁמִיּוּת גֶעהֶערְט צוּ לָבָן'עֶן.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז, אַז מֵרֹאשׁ צוּרִים אֶרְאֶנּוּ וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ.

16. The intent is that, as will be explained below, even as the Patriarchs and Matriarchs were involved in material activities, they were connected with G-dliness.

**17. See *Kesubos* 49a-50b; *Shulchan Aruch, Even HaEzer* 71:1.**

**18. See *Kuntreis U'Maayan, maamar* 19ff., *et al.***

**19. *Devarim* 15:18.**

**the strength of] mountains; I behold [their source as resilient] as the hills."** On such a spiritual foundation, one can build a structure for success even in material terms.

**As mentioned in a *sichah* delivered *Yud-Beis-Yud-Gimmel* Tammuz,[20] when one goes out from** being occupied with **the world of Torah and prayer to engage in worldly matters,** it is necessary to construct **a guardrail,[21]** a protective separation. In this way, even **during the physical engagement itself, one remains conscious of the Divine intent vested in it. As a result,** he can say, **"From their very beginning, I see their [foundation as possessing the strength of] mountains. I behold [their source as resilient] as the hills."** As mentioned, the verse refers to the Patriarchs and the Matriarchs, **who** conducted **all their affairs as a chariot (i.e., a vehicle)** for G-d. Just as a chariot has no will of its own and is controlled solely by the will of its driver, so too, the Patriarchs and the Matriarchs were aligned with G-d's will at all times.[22] **The same** concept applies to **every person when fulfilling a *mitzvah* or conducting himself in a manner that fulfills the command, "Know Him in all your ways."[23]**

**Similar concepts apply regarding Torah study: Since a person studies** with his own mind, **with mortal intellect, a guardrail is necessary there as well. As discussed at length,[24]** influence from **the fiftieth gate** of understanding[25] **is necessary.** In Kabbalistic terms, this refers to **connecting "the point" within the "palace."[26]** In simple terms, this means that when using the powers of **comprehension and understanding within mortal intellect** (the "palace"), **the** essential, G-dly **point of Judaism should be felt.**

בְּשַׁעַת מֶען מַאכְט אַ מַעֲקֶה צוּ דֶעם בַּיִת חָדָשׁ - ווִי מֶען הָאט גֶערֶעדט בְּשִׂיחַת יב־יג תַּמּוּז, אַז בְּשַׁעַת מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי דַלֶ"ת אַמּוֹת שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה צוּ עוֹסֵק זַיְין זִיךְ אִין עִנְיָנֵי עוֹלָם, מַאכְט מֶען אַ מַעֲקֶה, - הֶערְט זִיךְ דֶעמָאלְט אָן בְּשַׁעַת דֶעם עֵסֶק הַגַּשְׁמִי גוּפָא דִי כַּוָּנָה אֱלֹקִית וָואס אִיז פַּארַאן אִין דֶעם, וּבְמֵילָא אִיז מֵרֹאשׁ צוּרִים אֶרְאֶנּוּ וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ, וָואס זֵיי זַיְינֶען דָאךְ בְּכָל עִנְיָנֵיהֶם גֶעוֶוען בִּבְחִינַת מֶרְכָּבָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער בְּעֵת קִיּוּם הַמִּצְוָה אוּן, ווִי דֶערְקְלֶערְט, אִין אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר אִיז אִין זֵיי מְקַיֵּים - בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ[לא].

אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה, וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט זַיְין שֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי, דַארְף מֶען דָא אוֹיךְ הָאבְּן דִי מַעֲקֶה, ווִי מֶען הָאט גֶערֶעדט בַּאֲרוּכָּה, אַז עֶס דַארְף זַיְין דֶער שַׁעַר הַנּוּ"ן, מְחַבֵּר זַיְין דִי נְקוּדָא בְּהֵיכְלָא, דָאס הֵייסְט אַז שְׁטֵייעֶנְדִיק אִין הַשָּׂגָה וַהֲבָנָה אִין שֵׂכֶל הָאֱנוֹשִׁי, זָאל זִיךְ אָנְהֶערְן דִי נְקוּדַּת הַיַּהֲדוּת.

---

20. *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 384ff.

21. See *Devarim* 22:8, which commands a person to build a guardrail on the roof of his home to prevent a person from falling from it. The Rebbe [see *Likkutei Sichos,* loc. cit.; Vol. 19, p. 208ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Devarim,* p. 302ff.)] interprets the command as providing guidance for a person who confronts the challenge of integrating his spiritual values with the demands of material existence.

22. *Tanya,* ch. 23

**23. *Mishlei* 3:6.**

24. The *maamar* entitled *Kora Shochav* (*Toras Menachem,* Vol. 17, pp. 36, 55ff.).

25. Our Sages teach (*Rosh Hashanah* 21b), "Fifty gates of understanding were created in the world." In the *maamar* cited in the previous footnote, the Rebbe explains that the fiftieth gate of understanding reflects the quintessence of intellectual comprehension, the level at which the original light flash of *chochmah* (the "point") can be perceived within –and synthesizes – the entire depth and breadth perceived by *binah* (the "palace").

26. See *Zohar,* Vol. I, p. 6a; *Tikkunei Zohar, tikkun* 5; *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 5.

בִּכְלַל מֵיינְט עֶס, אַז אִין יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶר טוּט, סַיי בְּעֵסֶק גַּשְׁמִי מַמָּשׁ אוּן סַיי בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה בְּשִׂכְלוֹ הָאֱנוֹשִׁי, זָאל זִיךְ הֶערְן אִין דֶעם דִי כַּוָּנָה הָאֱלֹקִית, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דָאס אֲפִילוּ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה גוּפָא נִיט קֵיין יְרִידָה, נָאר אַדְּרַבָּה אַן עֲלִיָּה, וַוייל דָא גוּפָא פִּירְט זִיךְ אוֹיס דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס כַּוָּנָה.

(משיחת ש״פ בלק, תשט״ז)

**As a whole, this means that in everything** a person **does, whether in his involvement in material concerns or while studying Torah using his mortal mind, G-d's intent should be perceived.** When that is accomplished, **even while actually** carrying out material activities **will not involve a descent. On the contrary, it will be an ascent because G-d's intent will be carried out.**

---

כא) במדבר רבה כ, יט.
כב) שיר השירים ב, ח.
כג) זע הערה יז.
כד) תניא פרק כח. און זע דארט פרק ח.
כה) ישעי׳ נד, ז.
כו) פרק כה.
כז) יומא פה, ב.
כח) זע תנחומא נשא טז.
כט) זע כתובות מט־נ. שולחן ערוך אבן העזר סימן עא, סעיף א.
ל) דברים טו, יח. קונטרס ומעין מאמר יט און ווייטער.
לא) משלי ג, ו.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie